**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/30/2021 **גאווערנער ענדרו מ. קאומאו**

**גאווערנער קאומאו אנאנסירט פינפטע רונדע געווינער פון דעם ׳נעמט אן איינשפריץ און שאפט אייער צוקונפט׳ אינצענטיוו**

***געווינער באקומען א פולע סקאלערשיפ צו א ׳סוני׳ אדער ׳קוני׳ קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט***

***לעצטע רונדע געווינער אנאנסירט***

גאווערנער ענדרו מ. קאומאו האט היינט געמאלדן די פינפטע-רונדע געווינער פון דעם ׳נעמט אן איינשפריץ און שאפט אייער צוקונפט׳ אינצענטיוו פאר א פולע סקאלערשיפ צו א ׳סוני׳ אדער ׳קוני׳ שולע. געווינער באקומען א פולע סקאלערשיפ צו סיי וועלכע ניו יארקער פובליק קאלעדזש אדער אוניווערסיטעט, אריינגערעכנט שטודיר קאסטן, וואוינונג קאסטן, און אנדערע הוצאות. ניו יארק סטעיט האט אדמיניסטרירט דעם גורל און אויסגעקליבן 10 געווינער א וואך אין פארלויף פון פינף וואכן. די לעצטע געווינער זענען יעצט אנאנסירט געווארן. פעדעראלע קאוויד-19 פארלייכטערונג און אויסזוך געלטער וועלן געניצט ווערן צו דעקן די קאסטן פון דעם וואקסינאציע אינצענטיוו פראגראם.

״זיך וואקסינירן איז דאס שליסל צו אונזער ערפאלג אין באזיגן דעם קאוויד-19 און צוריקשטעלן דער עקאנאמיע, און דער אויסערגעווענליכער אינצענטיוו פאר די אינגע מענטשן פון דעם סטעיט האט געהאלפן מיר זאלן קענען גרייכן מער איינשפריצן אין ארעמעס לענגאויס ניו יארק,״ **האט גאווערנער קאומאו געזאגט.** ״דאס לעבן-ענדערנדע געלעגנהייט האט אונז געהאלפן פארשפרייטן דעם ווארט צו א העכסט וויכטיגע טייל פון דער באפעלקערונג -- 12 ביז 17 יעריגע -- וועגן דער וויכטיגקייט פון זיך וואקסינירן. איך קאנגראטולירן די וואכיגע געווינער און איך קוק ארויס צו זען ווי זיי בליען אין אונזער סטעיט.

די פינפטע-רונדער געווינער זענען:

- יועקי דיאאו, ברום קאונטי
- קריסטאפער טעכאדא, קווינס
- סאויער פינעדא, וועסטשעסטער קאונטי
- דזשעימס ראבינסאן דער פינפטער, קאיוגע קאונטי
- בען לעשער, וועסטשעסטער קאונטי
- אמאיא טהאלאפאליל, נעסאוי קאונטי
- ברייס טשוע, קווינס
- פעידזש גיערי, מאנראו קאונטי
- טאליע קאמפבעל, וועסטשעסטער קאונטי
- קעילי אנעסי, מאנראו קאונטי

**׳סוני׳ קאנצעלאר דזשים מאלאטראס האט געזאגט,** ״מיר דערמוטיגן ווייטער אונזערע אינגערע באפעלקערונג איינצוזען די בענעפיטן פון ווערן וואקסינירט צוריק צו באקומען נארמאלקייט איבער ניו

יארק סטעיט און אויף אונזערע קאַמפּוסען. דער 'נעמט אן איינשפריץ און שאפט אייער צוקונפט' איניציאטיוו אונז צו העלפן זיך פאראויס ציען און אויפטון דער ציל. מיינע קאנגראטולאציעס צו דער פינפטע-רונדע געווינער וואס באקומען דעם סקאלערשיפ אזוי ווי מיר גרייטן זיך זיי אויפצונעמען צו 'סוני'ס' קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, און אונזערע אנבאטונגען פאר א הויך-קוואליטעט עדיוקעשען."

**'קוני' קאנצעלאר פעליקס וו. מאטאס ראדריגעז האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו די געווינער פון די פינפטע רונדע 'נעמט אן איינשפריץ און שאפט אייער צוקונפט', און צו אלע סקאלערשיפ געווינער ביז אהער. מיר זענען דאנקבאר פאר אינאווירנדע פראגראמען ווי דער דאזיגער צו העלפן אונזערע אינגע ניו יארקער וואקסינירן, העלפן פארשנעלערן דאס ערהוילונג פון אונזער שטאט און סטעיט. ביי 'קוני' וועלן די סטודענטן באקומען די פעאיגקייטן און פראפעסיאנעלע אנטוויקלונג וואס זיי דארפן אויף זיך אנצושליסן אין דער הויכע-פעאיגקייטן ארבעטסקראפט וועלכע וועט זיין קריטיש וויכטיג פאר'ן אומקער פון אונזער עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישן סערוויסעס קארפארעישן פרעזידענט דר. גיערמא לינארעס האט געזאגט,** "קאנגראטולאציעס צו די וואך-פינף געווינער און צו אלע 50 גליקליכע באקומער פון דעם פול-רייד סקאלערשיפ! דאס איז נישט נאר פאר פילע א לעבנס-ענדערנדע געלעגנהייט, נאר דער 'נעמט אן איינשפריץ און שאפט אייער צוקונפט' וואקסין סקאלערשיפ אינצענטיוו האט געשפילט א קריטישע ראלע אין דערמוטיגן 12-17 יעריגע לענגאויס ניו יארק סטעיט זיך צו וואקסינירן און אפהאלטן דער פארשפרייטונג פון דעם קאראנעווירוס.  א דאנק אייך גאווערנער קואמאו פאר'ן איינפירן דעם וויכטיגן פראגראם אונז צו העלפן בייקומען דעם קאוויד-19."

דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט און ניו יארק סטעיט העכערע עדיוקעישן סערוויסעס קארפארעישן האבן באשטעטיגט דעם וואקסינאציע סטאטוס פון די געווינער.

די געווינער וועלן באקומען ביז פיר יאר פון פול-צייטיגע באקלאוואר שטודיעס וועלכע וועט אנטהאלטן די פאלגענדע שטאנדטיילן:

- שטודיר קאסטן: א סומע גלייך צו די שטודיר קאסטן ביי דער סטעיט אדער סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק לויט דער שטודיר-קאסט-ראטע פאר ניו יארקער איינוואוינער.
- אנדערע קאסטן: וואוינונג קאסטן און צוגעגעבענע סומעס פאר אפצאל, בוכער, סופלייס, און טראנספארטאציע ביז צו דער סומע וואס עס קאסט צו שטודירן ביי א סוני אדער קוני קאלעדזש.

מער אינפארמאציע אויף וואו צו באקומען דעם קאוויד-19 וואקסין, אדער צו באשטעלן אן אפוינטמענט קען מען געפונען דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | 518.474.8418 | press.office@exec.ny.gov

זיך ארויסשרייבן